Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBŁAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

| № 263 | Łódź, Niedziela, 13 listopada 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, זונטאג, י"ד מרחשון תרצ"ג | № 263 |
|---|---|---|---|---|

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224-71 אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל.

# אונרוהען פון ענדעקישע סטודענטען

## אין לעמבערג האבען די סטודענטען ווידערגעשלאגען יודען און אויסגעהאקט שויבען אין יודישע געשעפטען

לעמבערג, 12 (יט"א טעלעפאניש)

היינט פארמיטאג האבען די ענדעקישע סטודענטען אפגעריכט א תפילה נאך וואצלאווסקי'ן. נאך דער תפילה האבען זיי אנ'ערך פון 2 טויזענד מאן אפגעהאלטען א מיטינג, און דערנאך זיך געלאזט מיט א צוג איבער די יודישע גאסען און גענומען ברעכען שויבען און שלאגען די יודישע דורכגעהער.

די אנגעקומענע פאליציי האט זיי פונאנדערגעטריבען און 20 כוליגאנעס ארעסטירט.

די ענדעקישע סטודענטען זענען אוועק פארן בנין פון פאליטעכניקום און געוואלט דארט איינמויערן א טאוועל לכבוד וואצלאווסקי'ן, די פאליציי האט די טאוועל קאנפיסקירט צוליב דער אויפשריפט. א גרופע ענדעקישע סטודענטען זענען דאן אוועק אין די יודישע גאסען, געהאקט שויבען און געשלאגען די יודישע דורכגעהער. צווישען אנדערען זענען אויך אויסגעהאקט געווארען די שויבען אין די קאפעען: „ווארשאווא" ראמאן און לובר. ס'איז צושלאגען געווארען דער יודישער זשורנאליסט רעטייז. א גרופע דעמאנסטראנטען זענען אוועק פאר דער רעדאקציע פון „כווילא" און געוואלט זי דעמאלירען, פאליציי האט פונאנדערגעטריבען דעם עולם און עטליכע פערזאן ארעסטירט.

7 אין אווענד האבען די ענדעקעס געפרובט בעניייען די דעמאנסטראציעס, די פאליציי האט זיי אבער פונאנדערגעטריבען. 30 פערזאן זענען ארעסטירט געווארען.

אדוואקאט
עדמונד
מאשקאווסקי
האט זיך איבערגעצויגען אויף
פיעטריקאווער 106

פאר גאלד, ביזשוטעריע
און לאמבארד-קוויטעס
צאהלט די העכסטע פרייזען
אידזידאר פיאלקא, פיעטריקאווער 7

# בעפאלען יודען אויף די מערק

## איז פויזנער קאנט

### צוואנציג לאדזער יודען פערוואונדעט

סטאראגארד, 12 (י.ט.א. טעלעגר.)

כוליגאנעס זענען בעפאלען די יודישע סוחרים אויפ'ן מארק און זיי מערדערליך געשלאגען. די פאליציי האט שנעל אינטערווענירט און די כוליגאנעס צוטריבען.

פאלגענדע לאדזער יודען, פויזנער פאהרער ווענען פערוואונדעט געווארען: די ברידער בערל, משה און יחזקאל זיידהאף, ברידער עפשטיין, גרינשטיין, סאלאמאן, גראסמאן און אנד. צוזאמען פערוואונדערט 20 לאדזער יודען.

בוג, 12 (יט"א טעלעגראפיש)

ווען יודען זענען דינסטאג געקומען אויפ'ן מארק, האבען זיי בעמערקט אויף די שילדען פון די יודישע געשעפטען אויפשריפטען: „קויפט נישט ביי יודען, יודען זענען היינט".

א קריסטליכע פרוי האט אויפמערקזאם געמאכט די יודען, זיי זאלען זיין פארזיכטיג, זי האט געהערט ווי כוליגאנעס האבען צווישען זיך גערעדט, אז מ'וועט די יודען אנלערנען שכל.

דעם זעלבען טאג 3 נאכמיטאג, האבען כוליגאנעס ארומגערינגעלט דעם מארק און גענומען שלאגען די יודען.

ס'איז אנגעקומען פאליציי מיט'ן פאליציי-קאמיסאר און די כוליגאנעס פונאנדערגעטריבען. ווען די יודען זענען אהיימגעפאהרען, זענען זיי פון די כוליגאנעס בעווארפען געווארען מיט שטיינער.

זאל פילהארמאניע
נארוטאוויטשא 20

מיטוואך, דעם 16-טען ליסטאפאד, פינקטליך 9 אווענד, וועט פארקומען
איינאיינציגער רעליגיעזער קאנצערט

זאל פילהארמאניע
נארוטאוויטשא 20.

פון וועלט - בעריהמטען
אויבער-קאנטאר
פון ווארש; סינאגאגע ר'

משה קוסעוויצקי

וועלכער וועט אויספיהרען
תפלות,
פאלקס-לידער
און אפערן-אריעס
פון זיין נייען רעפערטואר

ביים קלאוויר: פר' ליכטערמאן-דאווידאוויטש

6069

צוליב דעם 10-טען יאהרצייט פון חזן-קאמפאזיטאר ר' אברהם דוב בירנבוים ז"ל, וועט משה קוסעוויצקי זינגען א קאפיטעל תהלים און מאכען א הזכרה נאך דעם פערשטארבענעם.

ביל עטען צום פרייז פון 1,09 זל. שוין צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע טעגליך, פריה פון 11 ביז 2 א זייגער און נאכמיטאג פון 5 ביז 7 א זייגער.

הוי נפלה עטרת ראשנו

נאך לאנגע שווערע ליידען איז פרייטאג געשטארבען און דעמזעלבען טאג צו קבורה געקומען אין עלטער פון 62 יאהר מיין ליבער מאן, אונזער טייערער און אונפערגעסליכער פאטער, שוויגערפאטער, גראספאטער, שוואגער, ברודער און אנקעל

נ"ע נח יוסף בן ר' עקיבא יעקב ז"ל רעמבעלינסקי

(געוואוינט לימאנאווסקיעגא 18)

וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

7007

אויגען-קליניק
מיט שטענדיגע בעטען פון
Dr. B. Donchin
פיעטריקאווער 90, טעל. 72-221
נעהמט אן שטענדיגע אויגען-קראנקע (צוועק אפעראציע א.ז.וו.), ווי אויך אמבולאטארישעס פון 9–1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.
1640

וויכטיג נייעס פאר מחותנים!

אויב איהר האלט ביי חתונה מאכען אייערע קינדער. אזוי געהט נישט דינגען פריהער קיין זאל ביז איהר וועט נישט קומען צו ערשט זעהען דעם פויש ערשטקלאסיגען רעמאנטירטען

ווארשאווער זאל, פאלודניאווא 36

וועלכער איז געווארען איינגעארדענט ספעציעל אויף חתונות און חינוך'ס און אויף פערשידענע פערוויילונגען אדער אויף פארציעס-חתונות אויף די בעסטע בעדינגונגען צו די צוגענגליכסטע פרייזן.

צו אינפארמירן זיך טעגליך פון 7 פרי–10 אווענד אין ווארש. זאל פאלודניאווא 36

הזכרה

היינט זונטאג, דעם 13-טען נאוועמבער 1932, 12 א זייגער בייטאג קומט פאר אויפ'ן בית-החיים א הזכרה און די ענטהילונג פון דער מצבה פון אונזער אונפערגעסליכען, יונג פערשטארבענעם זוהן

נ"ע הערשל (העניעק) קופערמינץ

צו וועלכער אלע קרובים, פריינד און בעקאנטע ווערען געבעטען צו קומען

9669

די עלטערן

